פאריז, מאי 1962

נומער זיבן

שפיגל

סאַטירישער חודש זשורנאַל דערשיינט מיט אַ רעגלמעסיקער פאַרשפעטיקונג יעדן צווייטן ערשטן
רעדאַקטאָר א א ליבערמאַן

ליום-העצמאות הי״ד

ראשי תיבות פון י״ד באדייטן:

ישראל דאַרף
יידן דאַרפן
יעדער דאַרף
ישועת ד׳

מיטן ערשטן שניט פון אקער אין יהודר האָט זיך אונזער אויסל ו אנגעהויב אז דער פיאָש האָט אויסגעהאקט א רוזש האָט געשיינט די זון אויף ידנס שו בן אַז אַ ראנט האט אויסגעריסן דערנער זעגען טראפנס בלוט געווען די [illegible] פונעם או סלייו וואס זי האָט פאַרוי ט אָז אַ ק רקע האָט דעם שט ן צעפ צלט האט געקלונגען שו ן מ ר [illegible] ניציר האט א קול אנגעזאגט [illegible]

זינגט אפרים אויערבאַך

בשותפותדיקע הלל-פארשונגען כרושטשעוו-קענעדי

כרושטשעוו פאַרשלאָגט צו קענעדי וועגן בשותפותדיקע הלל־פאַרשונג, איז ווי איר זעט, אָנגענומען געוואָרן. אָט פליען זיי ביידע אין קאָסמאָס און עס איז כדאי ביי דער געלעגנהייט זיך אַ ווײַלע צוצוהערן צו זייער געשמועס:

כרושטשעוו (קוקט זיך אַדום) עס הערט אונז דאָ נישט קיינער? ביי אונז זאָגט מען אַז די שטערנס האָבן אויערן אָבער דאָס איז זיכער נישט געמיינט די קאָסמישע שטערנס. זעט נאָר דאָרט אונטן. דאַכט זיך אַז מיר פליען איצט איבער ישראל. איר זעט די מיליטעד־פּאַראַדע? דאָס פייערן זיי זייער אומ־אָפּהענגיקייט. איך קען זיי נישט אָנקוקן!

קענעדי פאַרוואָס עפּעס? א דאַנק דער דאָזיקער מדינה זענט איר געוואָרן אַ גאַנצע שמעלקע אויפן מיטעלן מזרח. אַלע אַראַבישע שאַנטאַזשיסטן זענען גע־וואָרן אייערע בוזים־פריינט. איר דאַרפט דעריבער פילן אַ דאַנקבאַרקייט צום יידישן פאָלק.

כרושטשעוו איך טו זיי דען שלעכטס? אדרבא. סרעגט ביי מיינע מאַשקעס ווער־געליס און וועגדראָף (ביידע נעמען הויבן זיך אָן מיט אַ „ווער״. אַז אַך און וועי!). אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן ביי מיר פון פויגל־מילך. האָב איך זיי דאָס יאָר איינ־געבדענגט אַ פּאַרמענן מיט געלט וואָס זיי האָבן נישט אויסגעגעבן אויף קיין מצות און ווען עס איז נישטאָ קיין מצות דאַרף מען שוין אויך נישט האָבן קיין קריסטלעך בלוט. מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען. דאָס וועט אייך אפילו מאַשעק ודאָנוטקי אויך באַשטעטיקן.

קענעדי: (זיפצט) ביי אונז אין יוניי־טעד סטעיטס האָבן די דזשואישס אויך געגנוב מזל. זייער מזל איז וואָס מיר האָבן דערווייל אַ נעגער־פּראָבלעם. נאָך די נעגערס וועט מען זיך נעמען צו זיי.

כרושטשעוו פאַרוואָס נעמט איר ניט אָוועק ביי זיי די וואָל־רעכט. וועט איר זיך נישט דאַרפן רעכענען מיט זיי. אָט! איר זעט? מיר פליען שוין ווידער אי־בער ישראל.

קענעדי ווו האט איר ישראל?
כרושטשעוו יענץ פינטל דאָרט
[illegible]

... איר זענט אייך טועה ניט ... יענץ פינטל נאר דאס פינטל איז יש־ראל כישמעות ווען עס קומט צו ישראל פינטלט זיך ביי אייך אן אויג און איר פארטוישט ישראל מיט יארדאניע.

ישטשענקא אבער אין דער אנו זענען מיר זיך נישט טועה און מיינע שיפן וואס פירן געווער זענען זיך אויך קיינמאל נישט טועה אריינצופארן אין חיפהער פארט אנשטאט אלעקסאנדריע.

קענעדי איר דארפט נישט זיין אזוי שלעכט צו די יידן.

כרושטשעוו : זיי פראוואצירן מיך כס־דר את נעמט למשל דאס געזעץ וואס פארבאט צו האדעווען חזרים איז דאס נישט געצילט אלס א שטאך פאר מיר ?

קענעדי אנטקעגן דאס וואס איר זאגט חזרים את האט איר עגיפטן, איר זעט ? דארט רעכטס דאס איז נאסערס מדינה. דער דאזיקער נאסער פירט אונז ביידע אין באד אריין אויף טרוקן ער נעמט פון רעכטס און פון לינקס און פון מיטן — און צום סוף וועט ער „נאציאנאלי־זירן" די חובות אייך און וועט אונז ביי־דע געבן א פייג. וואס האט ער מורא ? ער ווייסט אז ווען איר וועט אים וועלן אנברעכן די ביינער. וועל איך נישט לאזן און ווען איך וועל דאס זעלבע וועלן, וועט איר נישט לאזן.

כרושטשעוו יא, דער נאסער איז ניט פליישיק און נישט מילכיק ער איז פרעה'ווע. את ! איר זעט ווו מיר זענען שוין ? מיר פליען איצט איבער פראנקרייך דע גאל ליגט מיר אויך ווי א ביין אין האלדז. ער שטייט אין גרויסן מיט זיי־נע 82 פראצענט שטימען ער פארגעסט אז איך קריג תמיד 99 מיט 9 צענטל פראצענט שטימען. עס פאסט אים נישט צו רעדן מיט מיר .

קענעדי : דאס זעלבע פון מיר צו הערן! ביי מיר וואלט ער כאטש געוואלט איך זאל אים אוועקגעבן אלע אטאמישע סו־דות צוזאמען מיט די באמבעס וועט ער זיין צופרידן און נישט פריער.

כרושטשעוו שאט, את פליען מיר אי־בער אמעריקע איך האב פאר אייך א פארשלאג לאמיר מאכן א „טשענזש" איך גיב אייך א שטיקל פון רוסלאנד און גיט מיר אוועק אייער אמעריקע ! עדן! וואלט איך דארט געמאכט ארדנונג ! די נעגער וואלטן נאך 1 יאר געווארן אויס שווארצע זיי וואלטן געווארן גרין און געל מיט די זשידעס קענט איר אייך אויך פארלאזן אויף מיר !! איר ווייסן אז ווען איך וויל קען איך

קענעדי וואס סיגן מיר אייערע נא־רישקייטן. את זענען מיר שוין באלד ביי דער לבנה און מיר האבן נאך נישט גע־רעדט וועגן תכלית וועגן אנטוואפענונג

כרושטשעוו איך בין שטענדיק גרייט אז איר זאלט אנטוואפענען

קענעדי : הערט מיין פארשלאג. דאס איז דער וויטגייענדיקסטער און דער סא־מע יושרדיקסטער.

כרושטשעוו נו ? פאדאוואי !

קענעדי עס זאלן דערווייל אנטוואַ־פענען בלויז די לענדער וואס האבן נישט קיין שונאים. וואס דארפן אזעלכע לענ־דער זיין באוואפנט ? פאר וועמען האבן זיי מורא אז ווי באלד זיי האבן נישט קיין שונאים.

כרושטשעוו : וועלכעס לאנד האט נ"ס קיין שונאים ?

קענעדי רוסלאנד האט נישט קיין שונאים פון דארט שטאמען די פאטערס פון אלע פעלקער אויך די אראבישע לענדער האבן נישט קיין שונאים. יעדער זוכט זיי נאר גוטס צו טאן יעדער איז בלויז אויסן זייער טובה. זיי האכן בלוי"ז גוטע פריינט וואס זוכן זיי צו שיצן. עס זאל זיי חלילה קיין עוולה נישט געשען. אפילו גאלדע מאיר ווינקט צו זיי כסדר אריבער מיט אן אויג. הע ? איז בכן מסכים ?

כרושטשעוו כאראשא ! לאמיר זיך צעקושן !

*

לויט די לעצטע אינפארמאציעס. איז די ראקעטע בשלום צוריקגעקומען אויף אונ־זער פלאנעט. צוזאמען מיט די צוויי „העכט" און ביים געזעגנען זיך, האט כרושטשעוו געזאגט : „מיר האבן נישט פארענדיקט דעם ראזגאוואר וועגן אנט־וואפענונג. נו, כאראשא. עס בלייבט דערווייל ווייטער בייט אלטן".
לאמיר זאגן סיביר מיט בירא בידזשאן

אלטוויץ

אזויווי צו 17 אזוי צו 70

אונטער דער לאזונג „אזוי ווי צו 17 אזוי צו 70" וועלן פארקומען א ריי יובילע־אומס פאר יידישע אקטיארן און אקטרי־סעס אין פאריז אונטערן פאטראנאזש פון די „פאריזער שפילקעס".

עס איז אונז נישט לייכט אנגעקומען צו דערוויסן זיך דעם געניועם עלטער פון אונזערע פאריזער בינע־קינסטלער „אויף צו באהאלטן די יארן"

צווישן די וואס האבן זיך אליין מודה געווען, איז דערווייל פראן אראנאוויטש פאדלובני און פאליאקאוו.

פאני מענדעלעוויטש זאל האבן דער־קלערט פאר א פארשטייער פון יובל־קא־מיטעט אז זי איז גרייט אריינצוטרעטן אין דער גרופע פון די 70־ער, אויב מען וועט נאך צווארטן ביז זי וועט זיך האבן געמאכט נאך 30 בענעפיסן — און צוגע־געבן אז זי וועט דעמאלט אויך נישט זיין קיין 70־ערין.

ביים שליסן דעם נומער האבן מיר בא־קומען א ידיעה פון א יידישער אקטריסע ראזא ארנשטיין. לויט וועלכער זי דער־קלערט אז זי איז שוין כמעט 70 און טרעט אריין אין דער גרופע.

מיר ווארטן אויף ווייטערדיקע „גע־שטענדעניססע".

אין דער זעלבער צייט איז אויך בא־שלאסן געווארן צו פייערן דעם 70 יא־ריקן יובל פון דעם קאנטרע־מארקע דערפינדער.

מייעראוויץ

א קול קורא צו די פאריזער יידישע שרייבער

די רעדאקציע „פאריזער שפילקעס" האט באקומען צוגעשיקט פון דער אוי־בער־סעקציע ביי דער פאריזער אונטער־סעקציע פון אלוועלטלעכן זקנים־פאר־באנד, פאלגנדע ווענדונג :

„צו אייך יידישע שרייבער פון פאריז (נישט פון אומגעגנט). וואס טראגט אייך ארום מיט א פול הארץ קנאה, הלמאי קיינער פון אייך האט נישט געפראוועט קיין 50 יאריקן יובילעאום פון שרייבע־רישער טעטיקייט, אזוי ווי אונזער פריינט מלך ראוויטש.

„זייט וויסן, אז אויך איר קענט עס דערגרייכן. פארשטייט זיך, אז נישט מיטן טאלאנט פון מלך ראוויטש. דאס וואלט געווען צופיל פארלאנגט פון אייך. אבער מיט א צווייטער מעלה פון אונזער חשובן בעל היובל : איר זאלט אנהייבן ווערן וועגעטאריעד אזוי ווי מלך ראוויטש. וועט איר במילא אויפהערן עסן אנדערע קא־לעגן און גריזשען זיך אליין. בזכות זה וועט איר, אפילו מיט אייער גאנצער טאלאנטלאזיקייט דערלעבן צו ווערן נאך עלטער ווי איר זענט.

הורוויץ

קורין און נישט שארף ...

וואס איז געווארן מיטן טעאטער פון די פאראדי ?

בלויז איין פארשטעלונג די „חתנים" פון גאגאל און שוין ?

אזוי זענען זיי יענע לייט : זיי הויבן אן אלס „חתנים" און ענדיקן ווי „כלות".

□

ראקעגן קען מען מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן אז דאס פאריזער יידישע טע־אטער. מאכט די גרעסטע באמיאונגען אז דער ספעקטאקל זאל פארטיק ווערן צום אוגערקע־סעזאן.

דער שעפרעדאקטאר פון דער יעווסע־קישער צייטונג, קעניג, זאל זיך פארנעמען מיט אנטי־סאוויעטישע פראפאגאנדע ? מען האט אים געפאקט אין א רעסטאראן עסן אן אמלעט פון 3 אייער.

□

אין אן אויסשטעל־פענצטער פון וויסנ־שאפטלעכע ביכער אין לאטיינישן קווארטאל הענגט א לאזונג: „ביכער פאר מענטשן וואס פארמאגן מער אין קאפ ווי אין פארטפעל".

מאלינאוויץ

וועט מען וואגן פארלענגערן דעם חרם דרבנו גרשום ?!

מיר קומען איצט ארויס מיט א פראָ־בלעם. וואָס וועט זיכער אויפרודערן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון ישראל און די תפוצות. דאָס איז דער חרם דרבנו גרשום, וועמענס טויזנט יאָר עט ענדיקן זיך בקי־רוב און ווי מיר דערוויסן זיך, גרייטן זיך שוין געוויסע יידן צו באַנייען דעם דאָזיקן חרם.

יידן ! דער ענין טאר נישט פאַרשלעפט ווערן אין דער לאַנגער באַנק ! מען דאַרף שוין איצט אָנהייבן אַ קאַמף קעגן די יידן, וואָס צוליב פחדנות אָדער עלטער, גרייטן זיך צו באַנייען דעם חרם און אונז ווייטער צווינגען צו לעבן בלויז מיט איין פדוי. מיר ווילן איצט נישט אַרויס מיט טענות צום רבנו גרשום. פאר וועמען עס איז אפשר איין פרוי אויך גע־ווען צופיל, אָבער עס איז אבסאָלוט ניט לאָגיש אַז א מאן זאָל נישט טאָרן יעבן מיט דריי ווייבער צוזאמען אין דער צייט ווען איינציקווייז. איינע נאָך דער אנרעדער מעג ער האבן אַפילו 4 און מער ווייבער.

מיר וואָלטן געקענט אנגעבן צענדלי־קער מאָטיוון קעגן דער באנייאונג פון חרם. ווי למשל ווען מען קען דאָס ארן אז א יידישער יונגערמאן אָדער אַלמן, וועט פראַוועו דריי חתונות אין איין אוונט מיט דריי ווייבער ווו יעדע פון זיי וועט זיך פליטן אַרויסצווייזן מער טריי־שאפט צום מאן ווי די אנדערע. ווו דריי שוויגערס וועלן זיך ארומקריגן צווישן זיך אליין. אַנשטאָט מיטן איידעם. נאָר אויף אזא אופן קען מען זיכערן א גרוי־סע מאטן־עליה קיין ישראל. יעדער מאן מיט זיינע עטלעכע ווייבער. וועט קענען גרינדן אַ קיבוץ פאר זיך. ווו די פרויען וועלן זיך איינטיילן מיט די פונקציעס. איינע פאר דער הויזווירטשאפט איינע פאַר אַרבעט אין פעלד איינע אויף זארגן פאר קינדער.

די סטאַטיסטיק האָט באוויזן אז די פרויען לעבן לענגער ווי מענער. אָבער אויב זיי וועלן טאקע ארבעטן ווי עס גע־הער וועט זיך די לעבנס־דויער פון פרוי־ען און מענער אויסגלייכן.

די שידוכים־אינדוסטריע וועט בליען. אזוי קענען מיר זיך פאַרשטעלן א גייעם בוסטער פון אנאָנטן אין די שידוכים־רובריקן :

„איך בין א מאָן פון 4 ווייבער אַן אלמן נאָך 2 ווייבער. זוך באקאַנטשאפט מיט 3 ווייבער צוועקס הייראַט"

אָדער אזא מין אנאָנס

מיר זענען דריי וויסטע אַלמנות פון איין און דעם זעלבן מאן מיר זוכן א פרייסם צו אונזער בראך מיר זענען גרייט אויף אַלץ פאר איינעם און איינעם פאר אַלע"

א דריטער מוטטער :

„מיר זענען אַ גרופע קאַלעזשאַנקעס וואָס ווילן זיך נישט שיידן. זוכן א מאן. מעג זיין פארהייראַט".

א פערטער מוסטער :

„איך זוך אַ שידוך פאַר מיין טעכטערל. א בתולה פון 18 יאָר. שיין געראָטן מיט אַלע מעלות אָבער דער מאן וואָס וועט זי נעמען דאַרף אויך מסכים זיין מיטצו־נעמען אירע צוויי עלטערע שוועסטערן: אַ בתולה פון 24 יאָר און אַ בתולה פון 30 יאָר".

שמולערוויץ

פון דער לעצטער מינוט

אין מאָמענט ווען מיר האַלטן ביים שליסן דעם נומער. באַקומען מיר צוגע־שיקט דעם באַריכט פון דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן. אונ־טערגעשריבן פון אונזער רעפּאָרטער שליוואָוויץ :

„חשובער רעדאַקטאָר. איך בין נאָך דערשוויצט פון דער הייסער דעבאַטע וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שרייבער־פאַריין, ווו די בונדישע קאָלעגן זענען געקומען מיט אַ ריי קאָנסטרוקטיווע פאָר־שלאָגן צווישן וועלכע עס געפינט זיך דער פאָרשלאָג אַז דער פאַריין זאָל איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל זיך אויפהערן באַ־נוצן מיט אַזעלכע אַלטע. פאַרשימלטע און קלעריקאַלע אויסדרוקן ווי „עליו־השלום" און זכרונו לברכה" אין די נע־קראָלאָגן פאַר די פאַרשטאָרבענע מיט־גלידער „עס מוז נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע"! — האָבן זיי גע־קלאַפּט מיט די פויסטן אין די טישן. בקי־צור דער גאַנצער אָוונט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון „עליו השלום" און מען האָט נישט געקענט צוקומען צו די אַנדערע פונקטן פון סדר היום אייגער פון די בונדיסטישע זשורנאַליסטן האָט אפילו אויסגעשריגן אז ווען ער וועט שטאַרבן און דער מאריין וועט אין נע־קראָלאָג צוגעבן די ווערטער „זכרונו לב־רכה" וועט ער פּראָטעסטירן. ווייל דאָס ברענגט נישט קיין כבוד די מתים און עס איז אַנטי־דעמאָקראַטיש"

שוין פון פריער געוווסט, אַז דער בונד האָט זיך לעצטנס ארומגעזען, אַז לויט די יאָרן פון די מיטגלידער, איז די העכסטע צייט מען זאָל זיך נעמען ערנסט צום דאָ־זיקן פּראָבלעם — און די 19 מיטגלידער וואָס האָבן ביגעוווינט די דאָזיקע פאַר־זאַמלונג האָבן מיט זייער אויסזען באַ־שטעטיקט אַז די דאָזיקע טעמע איז גע־וואָרן שטאַרק אַקטועל.

ווי מיר דערוויסן זיך, גרייט זיך דער בונד צו קומען צו דער נעכסטער אַל־געמיינער פאַרזאַמלונג מיט אַ קאָנקרעטן מאָדעל ווי אַזוי די קומענדיקע נעקראָ־לאָגן זאָלן זיי רעדאַגירט. אָט איז איי־נער פון זיי :

„מיט אַ געוויסע אומצופרידנקייט (אנ־שטאָט גרויסן צער) גיבן מיר צוּוויסן וועגן דער אפּגעלעבטקייט פון אונזער מיטגליד יאַנקל דאַנדיק (פּסעוודאָנים : „מיעטעק"), מיר ווינטשן דער משפחה זי זאָל אים וואָס פריער פאַרגעסן".

„מיר רופן אַלע אונזערע חברים או זיי זאָלן אַלט צייכן פון טרויער אַבאַ־נירן „אונזער שטימע" אויף א חודש צייט דאָס הייסט ביז צו די שלושים".

קליינוויץ

פויגלדיקע געשעפטן

די הכנסות פון דער ישראלדיקע פלי־געזעלשאַפט אל־על" האָבן דאָס פאַרגאַנ־גענע יאָר צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע באַטראָפן איבער אַנדערט־האַלבן מיליאָן סונט וואָגן ישראל לציפ געליבט דער אויבערשטער [illegible] אַמאָל זיינען אונזערע [illegible] געווען אַזעלכע פויגלדיקע

אייגנטלעך האָט אונז די ראַייקע ידי־עה לחלוטין נישט איבערראַשט מיר האָבן

אפשר האט איר נאך דאס נישט געהערט?

געזאמלט פון זשיראווין

ראטשילדס מוטער

די מוטער פון ראטשילד האט געלעבט זייער לאנג און איד נייינציקסטן יאר האט זי אנגעהייבן צו ווערן שוואך און קרענקלעך האט זי זיך געלאזט קורירן פון א גרויסן דאקטאר ווען עס זיינען פאריבער א פאר חדשים און זי האט זיך נישט געפילט בעסער. האט זי דעם דאק־טאר געזאגט:

— ווי איך זע קורירס איר מיך עפעס ווי אן איינגעבילדעטע קראנקע. און איך בין אין דער ווירקלעכקייט קראנק.

— אנטשולדיקט מיר מאדאם — האס דעד דאקטאר איר געענטפערט — פון אלט קען מען נישט מאכן יונג.

— ליבער הער דאקטאר — האט זי געענטפערט: איך טראכט גארנישט דער־פון או איך זאל ווערן יונגער איך וויל נאר ווערן עלטער..

□

א ישראל וויץ

אן אמעריקאנער טוריסט שטעלט אפ א טאקסי אויף א גאס אין תל־אביב און אזוי ווי ער האט זיך געוואלט איספיינען אז ער קען העבעראיש. זאגט ער צו איט: בעל עגלה פיר מיך דא און דא. אבער דער שאפער שווייגס

העי בעל־עגלה — זאגט ווידער דער טוריסט — וואס שווייגסטו?

— איך בין נישט קיין בעל־עגלה. איך בין א נהג — ענטפערט דער שאפער.

— וואס איז דער אונטערשיד פון א בעל־עגלה ביז א נהג? — פרעגט דער טוריסט.

— דער אונטערשיד איז — זאגט דער שאפער — א בעל־עגלה האט די פערד אין פראנט און א נהג האט די פערד פון הינטן.

□

אמאליקע ציוניסטן

צום יידיש־רוסישן צוקער פאבריקאנט בראדסקי איז אמאל געקומען א ציוניס־טישע דעלעגאציע און ביי אים .עבעטן פאר די קאלאניעס אין ארץ ישראל. דער ביי האט איינער פון די דעלעגאטן פאר איט געהאלטן א רעדע און איט אויפגע־קלערס ווי ווייט וויבטיק עס איז פאר יידן צו האבן אן אייגענע מדינה.

— וואס־זשע ווילס איר — האט בראדסקי אויסגעדופן — איך זאל פאר־קויפן מיינע פאבריקן און הייזער אין רוסלאנד און זיך באזעצן אין א פאלעס־טי־ער קאלאניע?

— ווער פארלאנגט דאס דען פון אייך?

— האס איינער פון די דעלעגאטן גע־ענספערט. — האט אייך דען עמעצער געצוואונגען איר זאלס זיך אוועקלייגן אין א שפיטאל וואס איר האס אויפגעבויט פאר ארעמע יידן.

אן אמעריקאנער טוריטט אויפן מאנמארט וואס האלט אז אין פאריז דארף מען פאר דאלארן אלץ קענען קריגן



איך וואלט געוואלס איר זאלט מיר מאכן א בילד פון מאריא מאגדאלענא.

— געוויס.

— אבער גענוי אזוי ווי זי האט אויס־געזען.

— ווי זי האט אויסגעזען פארן זינדיקן אדער ווי זי האט אויסגעזען נאכן זינ־דיקן?

— בעתן.

□

דאס גרעטטע אומרעכט

אין נייעט ישראל פילם. וואס הייסט „די דריטע זייט פון דער מטבע”. ווערט גע־זאגט:

„דאס גרעסטע אומרעבט. וואס מען באגייט קעגן ישראל איז. וואס מען דער־לויבט איר קיינמאל נישט צו זיין אומ־גערעבט”.

□

EPINGLES

Dir de la Publ.

A A LIBERMAN

20, Allée des Bouvreuils à Drancy (Seine)

Tel AVIation 18-89

Imp A Schipper

די נייע פרעסע־ פעלשט די יידישע געשיכטע

אייגנטלעך נעמען מיר שטעלונג צו א סקאנדאל מיט וועלבן די אגודת הרבנים בצרפת וואלט זיך באדארפן פארנעמען.



מילא. אז דבורה האט לויט ביל אראן. געענדערט דעם סעקס פון א נקבה אויף

א זכר — מסביס. מסתמא האס עס איר אזוי בעסער געלוינט צו א שידוך.

אבער „על נערות” ! צי וויל די „נייע פרעסע” דערמיט באהויפטן אז אין אזא עת צרה ווי יידן האבן זיך דעמאלט גע־פונען האבן זיי געהאט דאס געמיט צו אזעלבע שטותים ? איך ווייס אז דעמאלט איז נאך קיין נירנבערגער דאסן־געזעצן נישט געווען. אבער קא מעט !

עס איז צו דערווארטן אז די פעדעדא־ציע־קהלה וועט צו אזא חילול־הגעשיבטע נעמען שטעלונג און רופן א פראטעסט־פארזאמלונג.

לייבאוויץ

□

פרידריך שילער

פרידריך שילער. דער בארימטער דייד־טשער דיבטער. פלעגט שפילן פידל. זיי־נער א שכן האט נישט געקענט פאר־טראגן ווען ער האט געהערט שילערן סקריפען אויפן פידל. איינמאל אין א געזעלשאפט, ווו ער איז געווען צוזאמען מיט דעם דיבטער האט ער איט א קיבעץ געטאן : איר שפילט פידל ווי דוד המלך, אבער נישט אזוי גוט”.

שילער האט איט געענטפערט :

„און איר. טיין ליבער הער רעדט אזוי ווי שלמה המלך. אבער נישט אזוי קלוג”.